לייענער שרײַבן אונדז

כאַשעווע רעדאַקציע!

דערלויבט מיר דערציילן פאַר די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַן עפּיזאָד פון מײַן לעבן.

מײַן טאַטע האָט געהאַלטן אַ באַקאַליי־קלייטל אויף דער סטאַנציע אידריצע, לעבן סעבעזש. אויף דער סטאַנציע זײַנען געווען נאָך קלייטלעך, ווו מע פלעגט שינדן פון די פויערים די הויט. און ווײַל מײַן טאַטע פלעגט פאַרקויפן די סכוירע ביליק, האָבן די קרעמער באַשלאָסן — „פאַריאָגן דעם אַנטיכריסט". זיי זײַנען אַוועק צום פּריסטאַוו, און יענער האָט אויסגעפונען, אַז אונדזער הויז געפינט זיך אויף אַנדערהאַלבן אַרשין אויסער די גרענעצן פונעם טכום. האָט ער צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און געלייגט אַ רעזאָליוציע: „אַרויסשיקן!"

אינגיכן זײַנען געקומען צו אונדז דער פּריסטאַוו און דער געריכט־עקזעקוטאָר.

— טייקעף פאַרלאָזן די סטאַנציע!

עס איז געווען טיפער האַרבסט. אין גאַס איז קאַלט און נאַס. מיר, קינדער, זײַנען געלעגן קראַנק. בלויז דער טאַטע האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס. וואָס טוט מען?

פּלוצעם האָבן מיר דערזען דורך די פענצטער, ווי אונדזער הויז האָט אַרומגערינגלט אַ מאַכנע פויערים. די פויערים האָבן געשריִען:

— מיר וועלן ניט לאָזן מאַטערן קראַנקע קינדער. פאַרוואָס פאַרטרײַבט איר ערלעכע מענטשן?

די פויערים זײַנען געווען, ווי מע האָט זיי אין די היגע ערטער גערופן, „בורלאַקעס", האַרבסט־צײַט פלעגן זיי אַוועקגיין אויף סעזאָן־אַרבעט. געוויינלעך פלעגט זיי דעמלט דער טאַטע געבן סכוירע אויף באָרג און קיין פּראָצענטן דערפאַר ניט נעמען. צעצאָלן פלעגן זיי זיך נאָכן קומען פון דער סעזאָן־אַרבעט.

און שטעלט אײַך פאָר: די פויערים האָבן געוווּנען, זיי האָבן אונדז אַרויסגעראַטעוועט פון די פּאָליציייִשע הענט. די דרײַ עקזעקוטאָרן זײַנען אַוועק.

אין צוויי טעג אַרום אָבער זײַנען זיי ווידער געקומען, און מיט אַ דאָקטער.

— אין אַזאַ צושטאַנד טאָרן זיי זיך אין וועג ניט לאָזן, — האָט געזאָגט דער דאָקטער.

האָט מען צונויפגעשטעלט אַ נײַעם פּראָטאָקאָל. דערנאָך איז די גאַנצע כאַליאַסטרע אַוועק אין שענק. מע האָט גוט אויסגעטרונקען, און אויפן פּראָטאָקאָל האָט זיך באַוויזן אַ צושריפט: „...אויב זיי זאָלן זיך וואַרעם אָנטאָן, מעגן זיי יאָ גיין".

— טייקעף פאַרנעמט זיך פונדאַנען! — האָט דער פּריסטאַוו באַפוילן.

דער טאַטע האָט אַריבערגעפירט דאָס געזינד קיין סעבעזש. ער האָט פאַרמאַכט די לאָדנס, אויף די טירן אויפגעהאַנגען שלעסער, נאָר דעם הויף ניט פאַרשפּאַרט. גאַנצע טעג איז ער אַרומגעלאָפן איבער די געריכטן, דערווײַזנדיק, אַז די „אַנדערהאַלבן אַרשין" זײַנען אויסגעטראַכטע. ער האָט אויך אָנגעגעבן אין סענאַט. וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט ער מיך איבערגעלאָזט אין הויז און דעם אַלטן פויער ניקיטע געבעטן אַכטונג צו געבן. ניקיטע האָט געהיט מיך און די כודאָבע. קומען פלעגט ניקיטע אין די אָוונטן, קעכלען מיך מיט אַרבעס, מערלעך, זיסע ריבן.

איך זיץ אין שטוב אין איינע שרעק. איך האָב מוירע אַפילו צוגיין צום פענצטער. אַ טאָג, צוויי, דרײַ, אַ גאַנצע וואָך... בײַנאַכט, איך שלאָף אַ צונויפגעדרייטע, ווי אַ קנויל. ניקיטע שלאָפט אויף דער באַנק. פּלוצעם — אַ קלאַפּ אין טיר... ניקיטע וועקט מיך און שושקעט מיר אַרײַן אין אויער:

— שטיי אויף, מע איז, ווײַזט אויס, געקומען...

דער קלאַפּ כאַזערט זיך איבער. איך כאַפּ מײַן אָנטאָן און שפּרינג אַרויף אויפן בוידעם. איך האַלט אײַן דעם אָטעם. אַ סקריפּ פון דער טיר... דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי מיט האַמערס...

— קריך אַראָפּ, — זאָגט מיר ניקיטע, — האָב קיין מוירע ניט, דער טאַטע איז געקומען...

— נו, און פון סענאַט איז געווען אַן ענטפער? — וועט איר פרעגן. געווען. אין צוויי כאַדאָשים אַרום. און סאַכאַקל איין וואָרט: „אָפּזאָגן".

ל ײ ע א ר אָ נ אָ װ א, מ אָ ס ק װ ע.

UNIVERSITÄTS-BIBLIOTHEK HEIDELBERG
http://digi.ub.uni-heidelberg.de/diglit/sh1967/1739